LIVING TORAH

# פרשת ויקרא

**בס"ד. שיחת יום ב' פ' ויקרא, כ"ה אדר ה'תשמ"ח, יום הולדת הרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא נ"ע זי"ע**

**בביתו הק', אחרי תפלת שחרית.** **הנחה פרטית בלתי מוגה**

## מבצע יום-הולדת

## חלק שני: שיתוף הסביבה

און כדי דאס זאל האבן מערער השפעה, און ער זאל זיין מער געבונדן מיט זיינע החלטות טובות - פארבינדן דאס מיט בני ביתו און דערציילן זיי וועגן דעם ענין - כדי זיי זאלן דערנאך אויף אים האבן דער "עשה לך רב" צי איז ער מקיים זיינע החלטות טובות.

און מ'האט אין די אלע ענינים א הבטחה, אז "הבא לטהר מסייעין אותו", ביז וואנענט אז הקב"ה כביכול אליין איז "עוזרו" ער זאל מקיים-זיין זיינע החלטות טובות במילואם ובשלימותם, און נאך מערער ווי ער האט מחליט געווען מלכתחילה, אע"פ וואס דאס איז געווען בלי-נדר - איז ער דאס אבער מקיים דאס בפשטות ובפשיטות ולמטה מעשרה טפחים והמעשה הוא העיקר,

וואס אין דערויף איז אויך נכלל וואס ער באווייזט א דוגמא חי' פאר די אלע ארום זיך

ובפרט נאך, כאמור, אז מ'הויבט-אן דעם קיום פון די החלטות טובות **ביום ההולדת עצמו**, בדוגמא ווי דערמאנט פריער - עכ"פ די **התחלה** בזה, אבער - די התחלה **במעשה בפועל**.

וכאמור איז דאס אן ענין אין וועלכן ס'גלייכן זיך אויס אנשים ונשים וואס **נאך** בר ובת מצוה,

ואדרבא - מ'קען אין דערויף גאר אויפטאן גדולות ונפלאות אז מ'רעדט וועגן דערויף מיט **טף**, אפילו מיט קטני קטנים, בשעת מ'איז זיי מסביר, און מ'מאכט דערביי אויך אן ענין של התוועדות פון אינגעלעך מיט אינגעלעך און מיידעלעך מיט מיידעלעך,

און מ'איז זיי מסביר אז "ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה", און בשעת בא **אידן** ווערט א יום הולדת - ווערט ער פון דאס-ניי געבארן אויף פון דאס-ניי אויפנעמען לימוד התורה וקיום המצוות, אנהויבנדיק פון **מתן תורה**, והמעשה הוא העיקר.

און בשעת די קינדער דערהערן אט די הסברה - קומען זיי צולייפן צו זייערע חברים און דערציילן דעם גאנצן שטורעם וואס איז פארגעקומען אין דעם יום הולדת בנוגע צו אים, און דאס פועל'ט דערנאך על כל השנה כולה - אנהויבנדיק אבער גלייך מיט א מעשה בפועל ביום ההולדת עצמו,

און דערנאך, אז מ'הויבט זיך אן **גרייטן** דערצו - ווייס שוין דער ברודער אדער די שוועסטער און טורקעט און לאזט ניט רוען די עלטערן, אז מ'זאל איר (אדער אים) אויך מסביר זיין דעם גודל ענין פון יום הולדת, אז "**מזלו** גובר", און דער "מזל" פון א אידן איז דאס זיין אידישע נשמה, "חלק אלוקה ממעל ממש", און ער וויל אז דאס זאל אויך פועל זיין אויף אלע זיינע חברים, און די מיידעלע אויף אירע חבר'טעס -

במילא בעט ער די עלטערן, און **בעט זיך** בא זיי, און זיך **מתחנן** און **שטורעמט** אין דעם - אז מ'זאל מאכן א חסידישע פארברייינגען מיט די קטני קטנים, און ער אדער זי בתוכם.

און זלעבסטפארשטענדלעך אז די עלטערן זאלן זיך אויך משתתף זיין בטירחתם בגופם ובממונם, און דער עיקר - בנשמתם.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויקרא

און דערנאך קומט צוגיין דער אינגעלע און די מיידעלע און שטורעמט די מוטער מיט דעם פאטער - ווען איז **זייער** יום הולדת, און וואס האבן זיי **מוסיף** געווען אין **זייערע** החלטות טובות לגבי דעם מעמד ומצב ווי ס׳איז געווען פאר דעם יום הולדת,

און דערנאך קומט ער אויף מארגן אינדערפרי און פרעגט בא זיי: צי האבן זיי דאס מקיים געווען במעשה בפועל!

און נאכמערער - ער דארף גאר בא זיי ניט פרעגן - בשעת א פאטער און א מוטער ווייסן אז **ס׳קען זיין** אז די טאכטער אדער דער זון, ביז די קטני קטנים, וועלן קומען צוגיין מיט א קינדערשע תמימות, און א פרעג-טאן:

אזוי ווי איר זיינט דאך געווארן עלטער מיט א יאר - איז דאך א זיכערע זאך אז איר האט מוסיף-געווען אין **אלע** ענינים פון אידישקייט, אנהויבנדיק פון לימוד התורה און קיום המצוות, און גדולה צדקה וואס זי איז שקולה כנגד כל המצוות,

איז דאך בא די קינדער קיין ספק ניט, אז זיכער האבן די עלטרן מוסיף-געווען, והא ראי׳ - זיי האבן דאס אויך אפגעצייכנט מיט א יום הולדת, און דער יום הולדת איז געווען **ניכר** אז זיי האבן דעמולט מוסיף געווען אין לימוד התורה און אין קיום המצוות און אין עבודת התפלה, און אין אלע גוטע זאכן, אנהויבנדיק פון דעם ענין הצדקה.

*

און יהי רצון, כאמור, אז דער מנהג זאל אויך נתפשט ווערן, וכאמור, דאס איז ניט א **מנהג** - דאס איז אן ענין וואס מ׳קען דורך דערויף דערגרייכן און ארומנעמען כל אחד ואחת מישראל מיטן גאנצן שטורעם פון הוספה אין לימוד התורה און הוספה אין הידור פון קיום מצותי׳,

אבער בשעת מ׳טוט דאס מתוך **שמחה** און מיט א **פארברייטגען**, און מ׳איז דערביי מאסף גוטע פריינט און מ׳זאגט אלע צוזאמען אן אמת׳ן "לחיים", און א חסידישן "לחיים", און מ׳ווינטשט זיך אן גוטע זאכן יעדערער צום צווייטן - האט דאך יעדערער די הבטחה פון "ואברכה מברכיך", מידך המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.